## שופר של משיח *

געווידמעט מיין אייניקל חגי

אין לויטערן פרימארגן פון ערשטן טאג ראש־השנה תשכ״ה, האט מיך א צי־געטאן צו מיינע אלטע באקאנטע, צו די תימנער פון אישי. כ׳בין געגאנגען ביחידות איבער די פעלדער, ווו רעשטלעך וואטעקנאספן וואלגערן זיך אונטער די פיס, פארבליבן פון דעם איינגעזאמלטן ביינוול. א פערד, אנגעבונדן אויף א לאנגן שטריק, דרייט זיך אין א קרייז און זוכט א געשמאק גרעזל צום ערשטן אנבייסן. אָנאייזל האט זיך צעשריגן, ווי להבדיל א קינד, וואס וויל נאכמאכן שופר־בלאזן. א מיידעלע אין א געבלימט קליידל און בארוועסע פיס, גייט — ווי אמאל די מאמע רחל — פארויס פאר א טשערעדע שעפסן, מיט א לאנגן שטעקן אין דער האנט.

נעענטער צום דארף הערט זיך דאס מעקען פון מעלקנדיקע קי. ווייסע אינדיקעס בלאזן זיך אין די אפענע שטייגן און די פעדערן זייערע פליען פון אלע זייטן, הינער האבן זיך צעקוואקעט.

אין דארף — קינדער אויסגעצוואגענע לכבוד יום־טוב, אין נייע מלבושים, יום־טובדיקייט אומעטום, אין אלץ. פלוצלינג האבן מיינע אויגן דערבליקט פון דערווייטנס די שיינע געשטאלט פון א יונגער פרוי. זי האט געטונקען א לאפן אין אן עמער און געוואשן דאס קעפל פון א יונג קעלבעלע — א שווארץ־ווייס קעלבעלע, מיט א ווייס מארדעלע, זי האט עס אויסגעווישט אויף טרוקן, אריינגעקוקט אין די קעלבערנע אויגעלעך און מיט א מאמיש געפיל א בויג־געטאן זיך צו זיין קעפל, א קוש געטאן אין שטערן, אין דער לויטערקייט פון פרימארגן האב איך געהערט דייטלעך דעם קלאנג פון קוש.

זי האט אויפגעהויבן איר קאפ און מיך דערזען — אביסל זיך פארשעמט, איך האב איר א נייגוט יאר געווונטשן, אויסגעפרעגט, ווי ס׳לעבט זיך.

— מען ארבעט נישט און ס׳איז אויך נישטא קיין צייט אין שול צו גיין — האט זי א שמייכל־געטאן.

פון שולעכל האט ארויסגעשאלט דאס שופר־בלאזן. א דינינקער ווידער־קול האט זיך אפגעשלאגן אין די בערג, און ס׳האט זיך אויסגעדוכט, אז אזוי דארף זיין דער קלאנג און דער אויפשאל, ווי מען האט אונז דורות־לאנג געשילדערט דעם שופר של משיח . . .

* פון בוך מיניאטורן, „אויף ראנדן פון טעג“, פון יאסל חריף, וואס איז איצט דערשינען אין ישראל, אין י. ל. פרץ־פערלאג.

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַ־בעט.

287

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־11 (העפט 5־454) דרייסיקטע יאר אקט־נאוועמבער 1969, לאנדאן

א י נ ה א ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| ווייטשעפל באלאדע, צייט־לידער, „שלום שלום ואין שלום“ | ** | 3 |
| דער אקסיאם וועגן אן אלמענטשלעכקייט (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 7 |
| א בריוו צו א מאמע פון א ישראל־סאלדאט (ליד) | הערי פאצאנאווסקי | 9 |
| אינסטיטוט יחזקאל קארנהענדלער | י. ח. קלינגער | 11 |
| די באבעניו ליבע (פאעמע) | עלא זילבערג | 13 |
| זיך ארויסגעפלאנטערט, א חשון־טאג, דעם בעל שם טוב׳ס קרייטעכצער און דער קאריצער (פראזע און פאעזיע | א. נ. שטענצל | 14 |
| דער לאנדאנער יידישער מענער־כאר אין בערלין | שמואל פידערער | 25 |
| ס׳איז גוט זיך צו באשיצן אין ג א ט (ליד) | עמנואל הרומי | 26 |
| דער שאפער פון ליד —מוזיק מאיר באגדאנסקי, טעקסט—דוד אפאלאוו | | 27 |
| ווינטער (ליד) | שמעון ווזעק | 27 |
| סירל גרינבי | הערי אריעל | 28 |


## יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

שבת דעם 29׳טן נאוועמבער אייזיק גאלדבערג לייענען ביעטש דערציי־לונגען צו דער יארצייט פון מחבר.

שבת, דעם 6׳טן דעצעמבער יעקב ריכטיגער, א רעפעראט איבער די חשמונאים־עפאכע, מאיר באגדאנסקי וועט זינגען חנוכה און פאלקס לידער.

שבת דעם 13׳טן דעצעמבער רעציטאציעס און געזאנג די באקאנטע אק־טיארן עלען ווינאגראד און סעם גאלדבערג.

## מזל טוב

צו דער חתונה פון יעקב דוד דאמב און לאה רייזל ראזענבערג ווינטש איך חתן כלה און די עלטערן פון ייִנגן פאר א הארציקן מזל־טוב.

א. נ. שטענצל

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*

## צו דער קאנפערענץ פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאנגרעס

וואס קומט פאר פון 3׳טן ביזן 8׳טן דעצעמבער 1969 אין ניו־יארק, פליט אפ דעם 26׳סטן נאוועמבער דער שרייבער י. א. ליסקי, דער רעדאקטאר פון „דאס יידישע פאלק" אין לאנדאן. מיר ווינטשן אים א צאתכם לשלום.

אויף דער איינלאדונג צום קאנגרעס, האבן מיר געשיקט א באגריסונג און געווינטשן הצלחה אין דער ארבעט.

ד. ר.

## א רפואה שלימה

דער פאעט שמואל וו‏הייט געפינט זיך שוין זייט איי‏ניקע וואכן אין שפיטאל. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה און ער זאל באלד אהיימקומען געזונטערהייט.

דער סעקרעטאר פון „לשון און לעבן" נחמן רובין האט אדורכגעמאכט א שווערע אפעראציע און געפונט זיך אין שפיטאל. מיר ווינטשן אים רפואה שלימה, ער זאל באלד ארויסקומען פון שפיטאל און ווייטער קאנען אנגיין מיט זיין ארבעט.

צו דער בר־מצוה פון יצחק חיים, דער יינגסטער זון פון יוסף און פרוי זשעני ווינטשן מיר מזל־טוב.

לשון און לעבן

BEN URI ART GALLERY
BRITISH SECTION (YIDDISH COMMITTEE) WORLD JEWISH CONGESS
The pleasure of your company is requested at a
**כהנוח־פייערונג**
on SUNDAY, DECEMBER 7th, 1969 at 3 p.m.
21 DEAN STREET, LONDON, W.1
Speakers:
RACHAEL BETH-ZION ABRAHAMS - S. J. GOLDSMITH
Artists:
SANDRA KINGSLEY - FREDA LEAVEY
Songs in Yiddish. Hebrew and Chanukah Stories
Entrance Free
Guests welcome

---

חבל על דאבדין ולא משתכחין

מיר באטייליקן זיך אין טיפן טרויער איבערן טויט פון די בארימטע שרייבער דר. שלמה ביקל און אברהם מענעס, וואס זיינען לעצטנס געשטארבן, אין ניו־יארק.

אונזער טיפן מיטלייד צום שרייבער און ארבעטער־פירער י. ל. פיין צום טויט פון זיין זון מאקס.

אונזער טיפן מיטלייד צו סעם לעף, דעם סעקרעטאר פון בונד אין לאנדאן, צום פלוצלינגען טויט פון זיין ליבע פרוי און אונזער אלעמענס ליבער פריינט און גוטע בחרטע.

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו פרוי שינדלער צום טויט פון איר ברודער.

פריינט פון יידיש לשון

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 10־11 (העפט 5־454) דרייסיקטע יאר אקט־נאוועמבער 1969, לאנדאן

## א ווייטשעפל באלאדע

א חופה־קלייד, צי תכריכים,
אויפגעניייט זיי מוזן ווערן;
ווי אבער צו יענעם בגד,
ווען פארפלעקט עס ווערט מיט טרערן.

וועט מען עס א כלה אנטון,
וועט עס א בר־מנין טראגן ?
קיין גרויסער אונטערשיד ס׳איז נישט,
אויב טרערן ? מוז מען דאך קלאגן.

נישט נאר נאדל פארשטאכן,
בלוט פון פינגער זיך געגאסן,
פון טיפן הארץ, ווען א שידוך,
אויף לינקער זייט זיך געשלאסן —

צוגעשניטן און אויפגענייט,
און אויפן הארץ גאר דאס פרעסן —
ווי ס׳בריט, ווי ס׳גליט, די טרער זי זידט — —
מ׳קען דען אזוינס ווען פארגעסן.

אזויפיל בגדים אויפגענייט,
ברייטע שטעך געמאכט, צי שמאלע;
ווי לאנג דאס זעקל ביינער נאר,
אוועקפירן די עגלה — —

געפאסדריגעט, געזשאבעט —
איז אויסגעגאנגען דער פאדים !
אן א דרים און אן א קניפל,
וואס איז ער דען דער בן אדם ?

אזויפיל בגדים אויפגענייט,
אזויפיל טרערן פארגאסן,
נישט קיין חילוק, לויה, חופה,
וואס ג אט גיט — השם נתן.

א חילוק אבער א גרויסער,
צי א „קניפל“ אפגעקליבן,
און א לעבעדיקער יורש,
צו ארבן איבערגעבליבן.

## ווייטשעפל איצט

1

שטאלץ־בליקנדיקע שלאנקע בלאקן,
די געבוקטע ליקלעך זיך אויפהויבן;
אויפגייענדיקע ליכטיקע זון —
שפיגלען צעפונקלט פון טויזנט שויבן.

דושנע הייפלעך — צעצווייגטע פארקן!
ווארקנדיקע, וואקלדיקע טויבן,
פייגעלעך זינגענדיק, שפרינגענדיק,
פון אפענע דלאנעס ברעקלעך קלויבן.

געשיקט, פלינק שפילן זיך קינדער —
נישט מער די שמוציקע רינשטאק שטויבן!
ווי קינציק ס׳פליען דאס די באלן — —
די מאמעס ווי קינדער נחת קלויבן.

ווען נאך איניקלעך געדענקן,
באבעס אין פרום־פלאטערדיקע הויבן?

2

אז יידישע שניידערס זינגענדיק,
ביי זינגער מאשינען געביקט געזעסן;
פרעסערס נישט בלויז זיבטן שווייס —
אין בלוט דא אפגעגאנגען ביים פרעסן!

אין ווילגאטש נאסע קעלער־שטיבלעך,
היימישע שיסטערס גאנצע מעת־לעתן,
שווארץ ווי זייער סמאלע געווארן,
אז קינדער האבן זאט אפצועסן —

ווען דאס וויסן די איניקלעך
אין בלאקן דא בלייבן איינגעזעסן?

3

ווי די פארביקע בלומען בייטן,
קינדער געמיש פון אלע קאלירן,



און אויב נאך נישט לאם און וואלף, אבער
שווארצע ווייסע חבריש שפאצירן.

בלויז צי וועט נאך זיין א מזוזה
צוגעקלאפט צו די ביישטידל־טירן?

## צוויי צייט לידער

### א. לבנון

. . . צעטראגן ציטערן די צעדערן —
העק, זעגן זיי וואלטן געהערט שארפן:
גייט מען טאקע אויפשטעלן ס׳בית־מקדש
און זייער געהילץ ווידער מ׳וועט דארפן?

ס׳בלאזן שופרות און ס׳הילכן טראמפייטן,
דאס לויים־געזאנג שוין זיי הערן — — —
באגלייט אויף שמינית־שבשמינית הארפן.

אדער גאר דער דין בלייבט: עד ועד בכלל״!
די סוגיא ווי פילפולדיק זיי חרפן — —
און שטייט נישט: „מנהר פרת עד הר לבנון“
נעמט א פרומע פרייד די שטאמען ווארפן.

„קדוש, קדוש“ ציטערן די צעדערן:
„צום הייליקן לאנד אויך מיר געהערן,
און די שווערדן אלץ שארפער זיך שארפן.

### ב. שלום־קאנפערענץ ביי צוויי טישן

„מעשה אבות סימן לבנים“,
דאס זיינען דאך די מעשיות פון תנ״ך;
„מה שהיה הוא שיהיה“,
דעמאלט ווי אצינד די זעלביקע זאך.

טויזנטער יאר שוין פארגאנגען,
1969 און — היינו הך!

האט יוסף די ברידער, די שבטים,
מיט די מצרים געזעצט ביי איין טיש?
„אין יכולים לאכול את העברים“* —
ס׳וואלט אנגעפאנגען א שלאנגען־געציש!

צי איז נישט די זעלביקע מעשה,
היינטיקן טאג פונקט אזוי פריש?

* בראשית מ״ג, ל״ג.

## „שלום שלום ואין שלום“

זיינען זיי געזעסן די צוויי גרויסע, די גאונים,
דאס הארץ און דער מוח פון קרוין־פוילן דער מדינה,
אין א שיחת־חולין, תלמיד־חכמדיק פארטיפט,
די הדרת פנימער — ממש גילוי שכינה.

אויפגעקנאקט א ניסל און געבראקט עס אין רוב כוס
חריפיש פארטרונקן מיט א תורה ווערטל,
און דעם שמש געשיקט פון קעלער ארויפברענגען,
פון דעם מתוק מדבש זיסן נאך א קווערטל.

„אין פלוג, איז עס דאך זייער קשה, איטשע מאיר,
אויב דעם אמת פון הימל אראפגעווארפן,
ווען מ׳איז געגאנגען מאכן ס׳נבזהדיקע מענטשל,
דעם שלום אראפשליידערן אויך געדארפן —

דער מענטש האט דאך פיינט דעם שלום פונקט ווי דעם אמת!
וואס איז די שמחה „עושה שלום במרומים“?
נאר ווייסט דו וואס, איטשע מאיר, כ׳וועל דיר זאגן,
קיק מיך גוט אן און ווער גארנישט משתומם.

אויב דער אמת ליגט נאר טיף אין דער פינסטערער ערד,
וואסער ווערט קאן שוין א שלום דעמאלט האבן?
מיטן גאלן אמת ליגט אלצדינג שוין ממילא,
ניין טפחים טיף אין דער אדמה באגראבן.

ווי קאן מען דאס קאסבערן, ווי קאן מען דאס דרייען,
אויב ס׳ביסעלע אמת איז נאר נישט פאראנען;
„שלום שלום ואין שלום“ — ס׳איז עליו השלום!
איטשע מאיר, האסט דו מיך כאטש גוט פארשטאנען“.

ווען דער שמש איז פון קעלער ארויפגעקומען,
האט ער זיי שוין ביים טיש נישט מער אנגעטראפן;
דער הייליקער קאצקער, א מרה־שחורהדיקער,
אין זיין חדר המיוחד צוריק אנטלאפן.

און רבי איטשע מאיר א פארטראכטער אין זיך,
אין זיין סוגיא א פארטיפטער שווער פארזונקן,
איז וואס האט שמש געזאלט טון מיט דער פלאש מעד,
א „לחיים“! מיט גאט אליין אויסגעטרונקן.

וואקלט ער מיטן לײדיקן פלעשל אין דער האנט,
הערט נישט אויף „עושה שלום במרומים“ ברומען,



און רבי איטשע מאיר א פארטיפט פארטראכטער,
מיט זיין הארבער סוגיא חריפיש פארנומען.

יעקב ריכטיגער

## דער אקסיאם וועגן אן אלמעכטיקייט

דער ערשטער פסוק אין תורת משה זאגט — אז א ייד איז מחויב צו גלייבן „בראשית ברא אלקים“: אין אנהייב האט די אלמעכטיקייט באשאפן . . . און דערקלערט ניט פריער — אז א ייד דארף גלייבן אין דער עקזיסטענץ פון אן אלמעכטיקייט. מערקווערדיק איז אויך, אז אין די תרי״ג: זעקס הונדערט און דרייצען מצוות, וואס תורת משה האט געבאטן, געפינט זיך ניט קיין באפעל, און אין גאנצן תנ״ך ווערט ניט געגעבן כאטש אן עצה טובה וועגן גלייבן, אז עס איז פאראן אן אלמעכטיקייט.

דער ערשטער געבאט אין די עשרת הדברות — „אנכי השם אלקיך“: איך בין גאט דיין אלמעכטיקער, באטאנט ניט די עקזיסטענץ פון אן אלמעכטיקייט, נאר זאגט — אז דער אלמעכטיקער פון ישראל ווערט אנגערופן מיט דעם „שם הויה“, כדי צו אונטערשיידן אים פון אנדערע געטער. און אפילו דער רמב״ם, אין די דרייצען עקרים פון דער יידישער אמונה האט ניט געהאלטן פאר נייטיק צו פארפאסן אן „אני מאמין“, אז עס איז פאראן אן אלמעכטיקייט — א באשעפער, נאר ער זאגט אין ערשטן „אני מאמין“ אז דער באשעפער שאפט . . .

מען איז דערפאר בארעכטיקט אנצונעמען, אז די טעאריע „וועגן דער עקזיסטענץ פון אן אלמעכטיקייט“ איז ניט, לויטן יידישן וועלט באנעם, אן אידעי פון אמונה: פון גלויבן, און ווי יעדע זאך וואס מען גלייבט קאן אפגעפרעגט ווערן, נאר די טעאריע „וועגן דער עקזיסטענץ פון אן אלמעכטיקייט“ איז אן אקסיאם — א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, א לאגישער אמת, וואס קאן בשום אופן ניט אפגעווענדעט ווערן. ווי דער תהלים פאעט האט געזאגט „אמר נבל בלבו אין אלקים“: אן עובר בטל, אדער א שוואכזיניקער טראכט אין זיין הארץ, ניטא קיין אלמעכטיקייט. (תהלים י״ד).

דער אמת איז — אז אפילו אטעאיסטן, וואס פארלייקענען לגמרי די פאראנקייט פון א גאט, קאנען ניט אפווארפן דעם אקסיאם וועגן דער עקזיסטענץ פון קאנצענטרירטער ענערגיע — פון אן אלמעכטיקייט — אזוי ווי זיי קאנען ניט אפווארפן דעם אקסיאם וועגן דער עקזיסטענץ פון רוים אדער „חלל“־ספעס. די פאראנקייט פון רוים קאן ניט אויפגענומען ווערן מיט אונזערע חושים; מען איז ניט פעאיק צו זען, הערן, שמעקן, לעקן אדער אנטאפן דעם רוים, נאר מען מוז זיך פארשטעלן אז ער עקזיסטירט, ווייל אויב ניט, איז ניט דא קיין ארט פארן ממשותדיקן באשטיין — ניט פאר די אנצאליקע גאלאקסעס מיט זייערע מיליאנען זון־סיסטעמען ארום צו שוועבן אין הימלישער אומענדלעכקייט און אפילו ניט פאר אונז זעלבסט אויף דער ערד.

אזוי מוז מען זיך פארשטעלן אז אויב עס וואלט ניט געווען א קאנצענ־

טראציע פון ענערגיעס — אן אלמעכטיקייט, צו זיין די דינאמיק פון אנטשטייאונג, באוועגונג און אנטוויקלונג, וואלט ניט געווען קיין ממשותדיקער באשטיין און אפילו ניט דער אומממשותדיקער רוים. און מחמת דעם טאקע, וואס די טעאריע וועגן א קאנצענטראציע פון ענערגיעס — וועגן אן אלמעכטיקייט איז אן אקסיאם: א לאגישער אמת אבער ניט א דערפארשלעכער, איז שטענדיק געווען און געבליבן ביז איצט דער אנהייב פון חילוקי דעות צווישן פארשער וועגן מהות פון די קאנצענטרירטע ענערגיעס אדער אלמעכטיקייט, ניט וועגן דער עקזיסטענץ, און דריי פארשידענע קאנצעפציעס אדער אמונות האבן זיך אויסקריסטאליזירט.

די אטעאיסטישע וויסנשאפטלער גלייבן, אז די קאנצענטרירטע ענערגיעס — די אלמעכטיקייט האט ניט קיין געפיל און איז אפילו ניט באוווסטזיניק. איר דינאמיק — זאגן זיי — איז א מעכאנישע און אירע פראדוקטן זענען אינצידענטאל, דאס הייסט: אפילו דער מענטשנמין מיט זיין באוווסטזיניקייט און געפיל האט זיך צופעליק אנטוויקלט אויף דער ערד. זייער באווייז אויף דער זינלאזקייט איז, דער אומגעהויערער פארלוסט פון פראפאגאציע סובסטאנצן אין אנטשטייאונגס פראצעס און — אויף געפילאזקייט איז, די גרויזאמע קעגנזייטיקע פארניכטונג פון אנטשטאנענעם אין אנטוויקלונגס פראצעס.

רעליגיעזע דענקער, ווידער, גלייבן, אז די קאנצענטרירטע ענערגיעס — די אלמעכטיקייט איז דער מקור און די העכסטע מדרגה פון באוווסטזיניקייט און געפיל. לויט זיי איז ליבע דער מהות פון די קאנצענטרירטע ענערגיעס — פון דער אלמעכטיקייט. אבער אזוי ווי אין דער אפגעשלאסענער אליינקייט איז ליבע אן אינערציע — א פאראליזירטער כח, האט די קאנצענטראציע פון ענערגיעס — די אלמעכטיקייט, כדי זיך צו מאניפעסטירן, פארוואנדלט זיך אין א מענליכער און פרויליכער פארעם.. נאר די פראפאגאציע פון דעם סובלימען פארל האט זית, וועגן עפעס א חסרון אדער א זינד, צעטיילט אין גוט און אין שלעכט, וואס איז די סיבה פון פארלוסט און פארניכטונג אין אנטשטאנענעם אנטוויקלונגס פראצעס.

דעם גלויבן פון די רעליגיעזע דענקער האבן די פריסטער פון די פארצייטישע געצנדינער־קולטן איבערגעגעבן צום המון אין אלעגארישער געשטאלטונג. אין זייערע טעמפלען זענען געשטאנען פיגורן פון א פאטער גאט, א מוטער געטין און צוויי צווילינג ברידער — א גוטער און א שלעכטער גאט, וואס זענען כסדר פארוויקעלט אין א בלוטיקער מלחמה פאר העגעמאניע. דער שלעכטער גאט דערהרגעט דעם גוטן, אבער די ראנגלעניש אין דער ממשותדיקער וועלט גייט ווייטער אן. דערווייל איז דער אומגעקומענער גאט מושל איבער יענער וועלט און נעמט אויף אין גן עדן אלע געשטארבענע וואס האבן אים געדינט בעת זייער לעבן, ביז ער וועט אויפשטיין תחית המתים מיט אלע זיינע אנהענגער און אויסראטן דאס שלעכטס פון זיין שטן׳נישן ברודער.

כמעט אלע רעליגיעס זינט די אלטע צייטן ביז היינט האבן איבערגענומען



די אלעגארישע געשטאלטונג אדער די אידעי פון א דואליסטישע גאטהייט און איר טויטן קולט. דאס איז געווען דער תמצית פון אלט מצרישן אסירים־סעט קולט און איז געבליבן דער תמצית פון די איצט עקזיסטירנדיקע סאציאל באפעפערטע רעליגיעס. אפילו די יידישע קבלה האט ניט ווייניק גענאשט אין די לעצטע צוויי מיט א האלבן טויזנט יאר פון דעם אלוועלטליכן טויטן קולט, ניט קוקנדיק וואס ס׳איז אין סתירה מיטן יידישן וועלט באנעם.

דער יידישער וועלט באנעם האט, פארשטייט זיך, אויך אנגענומען אז די קאנצענטראציע פון ענערגיעס — די אלמעכטיקייט איז דער מקור פון העכסטע מדרגה פון באוווסטזיניקייט און געפיל. אבער ער פארווארפט די טעאריע פון די רעליגיעזע דענקער אז דער פארלוסט און די פארניכטונג אין דעם אנטוויקלונגס פראצעס פון דער ממשותדיקער וועלט איז א באווייז פון עפעס א חסרון אדער א זינד אין איר אנטשטייאונג. דער יידישער וועלט באנעם האלט אזוי ווי תורת משה באטאנט אין די טעג פון באשאף און אין ספעציעלע אקצענטירונג צום סוף — „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד”: אז אלעס וואס איז געווארן באשאפן איז ווירקלעך פערפעקט.

פאקטיש איז דער דואליזם — דאס גוטע און דאס שלעכטע אין דער נאטור ניט קיין באווייז פון זינלאזקייט און געפילאזקייט אדער פון א טאפלטער גאטהייט, נאר דאס באשטעטיקט אז די ממשותדיקע וועלט איז א באשאפענע, ווייל קאנטראסט איז די איינציקע מאניפעסטאציע פון שאפונג. לעבן מוז האבן טויט צו אידענטיפיצירן זיך און להיפוך. צו באנעמען ליבע מוז זיין האס; צו זען ליכט מוז זיין פינצטערניש; צו אונטערשיידן ריחות און טעמים מוז זיין אנגענעמע און דערווידערדיקע, כדי פעסטצושטעלן קאלירן, פארעמס, קלאנגען, קוואנטיטעטן אדער קוואליטעטן מוז זיין פארשידנארטיקע, ווייל מאנאליטיק: איינאיינציקייט פארבלענדט און פאראליזירט די אויפנאמסקראפט פון די חושים.

מחמת דעם טאקע, וואס די עקזיסטענץ פון אן אלמעכטיקייט איז אן אקסיאם, ניט אן אמונה — ניט א גלויבן, און די קאנטראסטן אין דער ממשותדיקער וועלט זענען אן אבסאלוטע באשטעטיקונג פאר דעם יידישן וועלט באנעם, אז זי איז א באשאפענע מיט באוווסטזיניקייט און געפיל, ניט א מעכאנישע אדער עמאציאנעל אנטשטאנענע, האט משה אנגעהויבן זיין תורה מיט „בראשית ברא אלקים”, און דער ערשטער „אני מאמין” פון יידישן גלויבן איז — אז דער באשעפער האט באשאפן . . .

הערי פאצאנאווסקי

## א בריוו צו א מאמע פון א ישראל סאלדאט

געשטאנען בין איך אויף דעם גאלאן
מיט די ביקס אין מיין האנד
פארגעסן מאמע דיך פאר א ווייל
אבער נישט אונזער לאנד.

מיינע אויגן זענען געווען
אין אלע עקען,
ארום גערינגעלט פון שונאים
נאר איך האב זיך פאר זיי נישט געטאן שרעקן,
בייטאג פון די זון פארברענט געווארן
ביי נאכט פון קעלט געטאן פרירן,
אבער פון מיין פאסטן
האב איך זיך נישט געטאן רירן.
יעצט ענדיגט זיך
מיינע „חופש" טעג,
מארגן פרי צו מיין פאסטן,
וועל איך זיין אין וועג.

און אויב מאמע די וועסט וועגן מיר
חלילה־וחס, שלעכטע נייעס הערן,
איז מיין „בקשה" צו דיר
די זאלסט נישט פארגיסן טרערן.
קיין קרעכץ,
זאלסט די נישט געבן,
דאס איך האב אזוי יונג
פערלארן מיין לעבן.
שטאלץ זאלטס דו,
דיין קאפ האלטן,
דיין וויטאק טיף
אין הארצן באהאלטן,
דו ביזט נישט די ערשטע, און די לעצטע
וואס האבן אין זייער לעבן,
פאר פרעמדע לענדער
קרבנות געגעבן,
פאר פרעמדע לענדער
פארגאסן בלוט,
און דער דאנק איז געווען
מען האט אונז גערופן, פארשיווי זשיד.

אבער יעצט, מאמע,
פארטיידיק איך מיין אייגענע ערד !
און אויב איך וועל פאלן א קרבן
האט עס דען נישט די ווערט ?

איך בין דאך די ערד,
און די ערד בין איך,



און ווער טוט נישט
פארטיידיקן זיך ?

איך זיך נישט נקמה,
איך וויל מיט שכנים אין שלום לעבן,
איך בין דאך א ייד,
און דאס איז אלע מאל געווען אונזער שטרעבן.



י. ח. קלינגער

## אינסטיטוט יחזקאל קארנהענדלער

..בן שבעים לשיבה.. יודה בן־תימא, אבות ה׳, כ:ז

מיט א יאר פריער, פארבייגייענדיק די קאטאדראלע אין ניצע, האב איך דערזען דעם גרויען קאפ, א־לא בן־גוריון, פון יחזקאל קארנהענדלערן אראפנידערן פון די טרעפ, ארויסגייענדיק פון דער דאזיקער קאטעדראלע. אויף מיין שאלה, וואס האט ער דארט, אין דאזיקן בית־תפלה מתקן געווען?

. . . „איר קענט דאך שוין מיין שוואכקייט, געוואלט זען וויפל יידישקייט ס'איז אין איר פאראן".

פאר מיר איז דאס געווען א קלארער ענטפער; ווייס איך דאך שוין פון א צייט, אז קארנהענדלער פארשט דעם יידישן אספעקט אין די קאטעדראלעס פון „נאטער־דאם" אין פאריז, פון שטראסבורג, ריימס און וו ניט. איז דאס זיינע א שוואכקייט אזא? זיכער א נויטווענדיקייט, ווייל ווו א גרויסע קאטעדראלע איז אויך ניט ווייט פון איר א „יודענגאסע", א בלוטיק קאפיטל יידישע געשיכטע . . .

און יידישע געשיכטע, וואס ווערט אראפדערציילט פון די שטיין־מאנומענטן אין אלע איראפייאישע הויפטשטעט, גאנץ באזונדער קאטעדראלעס, איז דער שוואכער פונקט זיינער, ער כאפט זיך דערצו ווי צו א לעקעכל. מתוך כדי דיבור האט מיר דעמאלט, ס'איז געווען אנהייב אויגוסט, קארנהענדלער געענטפערט אויף מיין ניט דיסקרעטער נייגעריקייט:

— „אז ג אט וועט הייסן, איבעראיאר אין דער צייט".

האט טאקע השית"ב געהאלפן און צום יאר מיך מזכה געווען צו מעגן ווינטשן דעם בעל־היובל א שיבה טובה. הכלל, ווייסן מיר שוין אז יחזקאל קארנהענדלער איז געווארן א בן־שבעים. איז אבער דאס ניט דער עיקר. וויכטיק איז אז מיר זאלן אנווייזן, בזעיר אנפין, אויף דעם וואס דער בעל־יובל האט אפגעטאן — אויפגעטאן פאר די קרוב צו פופציק יאר פון זיין האבן געווארן א פאריזער תושב און א סופר לבית ישראל:

געבוירן אין ווארשע, יאר 1899, האט קארנהענדלער זיך געחברט מיט יוסף פאפיערניקאוון, וועלכער איז ברייט בארימט געווארן אין דער יידיש־וועלט ווי דער דיכטער פון בלויען געזאנג אין יידיש במשך 45 יאר אויף

דעם תל־אביבער ים־ברעג. און ער, יחזקאל קארנהענדלער האט דעזערטירט פוילן, נאכן אפדינען אין דער אנטיסעמיטיש־פוילישער ארמיי קרוב צו דריי יאר און איז דערגאנגען, אין יאר 1923 ביז פאריז, זיך פארליבט בלב־ונפש אין דער וועלט־שטאט פון טויזנטער ליכטער און געבליבן צו איר פארקנסט ביזן היינטיקן טאג. פאליטיש איז ער א מין עטישער אנארכיסט, וועלכער מוז בא יעדער געלעגנהייט עולה־זיין קיין ישראל און זיך אפפרישן מיט אביסעלע אוירא דארץ ישראל.

דעם נאמען קארנהענדלערס, האב איך צום ערשטן מאל דערזען אויף די שפאלטן פון דער יידישער טאג־צייטונג „פאריזער היינט“ און אויב איך מאך ניט קיין טעות, בשייכות מיט אויספלוגן איבער פאריזער זעענסווערדי־קייטן. ניט געווען קיין ייד אין פראנקרייך (ס׳רעדט זיך דא וועגן יידישע אימיגראנטן) וואס זאל ניט האבן זיך געשטעלט אין קאנטאקט מיטן איצטיקן בעל־יובל, אז ער זאל אים ווייזן די היסטארישע פאריז און גאנץ באזונדער די פאריז וואס האט א נאענטע שייכות מיט יידישער געשיכטע אין פראנק־רייך; ווייל אויף דעם דאזיקן געביט איז קארנהענדלער ביזן היינטיקן טאג ד ע ר חד־בדרא!

א צווייט מאל, ארום יאר 1930־31 האט מיר דעם נאמען זיינעם אנגע־רופן א יידישער בארימטער סקולפטאר און עסייאיסט — אברם בזעזשינסקי ז״ל. א מענטש מיט א שארפן קריטיקער־חלף; דאס איז געווען אויפן פאריזער מאנפארנאס, זיצנדיק ביי א גלעזעל בארדא אין קאפע „לא קופאל“ האט ער זיך צו מיר אפגערופן:

— „. . . אין זיין אקערשט מיר צוגעשיקטן ביכל „וווהין פירט אונז פרץ“ פארמעסט זיך דער דאזיקער יונגערמאן, פארמעסט זיך גאר וואזשנע. ער איז א שטארקער „וועלער“ און שוין דווקא ניט אן טאלאנט“. . .

ווען, אין יאר 1936, ס׳איז דערשינען זיין בוך „אלט פאריז“, איז אונז קלאר געווארן קארנהענדלערס דרך, ער האט געווידמעט איבערמענטשלעכע כוחות, לויטן דרך פון זיין גרויסן ליבלינג י. ל. פרץ, כדי די צענדליקער טויזנטער יידישע איינגעוואנדערטע מענטשן אין פראנקרייך עפענען די אויגן אויף קונסט, קולטור און יידישער קולטור־געשיכטע אויף וועלכער מען שטויסט זיך אן אויף טריט און שריט אין דער צוויבער־שטאט פ א ר י ז.

מיט זיין „אלט פאריז“ האט קארנהענדלער געלייגט דעם יסוד פאר זיין „קארנהענדלער־אינסטיטוט“, ווייל ער איז געווארן אן אינסטיטוציע בפני־עצמו און גאר פיל צוגעטראגן צו פארשפרייטן ליבע און פארשטענדעניש פאר אלגע־מיינער און יידישער קונסט און קולטור צווישן גאר א אנזעעוודיקן טייל פון די איינגעוואנדערטע יידן אין פראנקרייך, במשך 45 יאר.

בטבע איז ער א נוח לבריות און באציט זיך צו מענטשן זייער ווארעם, קאלעגיאל און איז אלעמען מקבל בסבר פנים יפות. די דאזיקע מעלות האבן אים ארומגערינגלט מיט א גרויסער צאל פריינט און ידידים, ווייל אלע ווייסן וועגן, און באוונדערן, זיין עניוות.



איך האב געזאגט אז קארנהענדלער איז אן אינסטיטוציע, א קולטור־אינסטיטוציע, פאר זיך אליין. איך בין דערמיט אויף קיין איין יאָטע ניט מגזם, ווייל אחוץ שרייבן און ארויסגעבן און פארשפרייטן זיינע זייער פראק־טישע ביכער, וואס זיינען במחשבה תחילה געשריבן פארן יידישן פאלקס־מענטשן ווען דער מחבר וויל ארויספירן אויף שליאכן פון צו באררייכערן זיין קולטור־האריזאנט און זיך מיט אים טיילן מיט זיין גייסטיק־אנגעהויפטן פארמעג. כדי דאס צו דערגרייכן איז קארנהענדלער שוין זייט יארן א גאר אייפעריקער לעקטאר־פאפולאריזאטאר. ער האלט צאליקע רעפעראטן און פיערלעזונגען, שרייבט מאמרים וועגן א שלל יידישע און אלגעמיינע פראב־לעמען אין קרוב א האלבן טוץ צייטונגען, וואס דערשיינען אין פאריז, אמע־ריקע, ארגענטינע, בראזיליע און תל־אביב.

א מחבר פון, דערווייל, עלף ביכער, וואס זענען כולל אין זיך א חוץ פארש־ארבעטן, עסעיען, דערציילונגען, איינאקטערס, וויל איך דא ארויס־הייבן, א חוץ „אלט פאריז“, א ביז גאר געראטענע ארבעט, דערשינען אין בוך־פארם אין פאריז, 1958, א.נ. „ראשעל, איר קונסט, איר לעבן, איר יידישקייט.“ די רייכע ביבליאגראפיע ביים סוף פון דאזיקן בוך באווייזט ווי גרינדלעך ער האט געפארשט זיין טעזע, פון וועלכער סע ווייעט מיט גאר א שטארקער ליבע און פארערונג, וואס ער האט צו דער גרויסער טראגיקערן און שטאלצער אויף איר יידישקייט קינסטלערן, ר א ש ע ל, וועלכע איז געווארן זיין „פיגמאליאן“.

זאלן מיינע באשיידן אנגעווארפענע שורות צו זיין יובל השבעים זיין פאר אים א סטימול פאר ווייטערדיקער פרוכטיקער קולטור־שרייבערישער טעטיקייט, וכו לחי!

עלא זילבערג

## די באבעניו ליבע

ווינטערדיקער אווענט,
דער הימל מיט וואלקענס באקליידט,
די נאקעטע ביימער פאראומעט,
די בלעטער פון ווינטן פארוויית.

אין צימער איז ווארם און ליכטיק,
נאר מען הערט ניט קיין מענטשליכן קול,
א שטילקייט ווי אויף א בית עולם,
נאר דער זייגער ער שלאגט מאל צו מאל.

די אלטיצקע באבעניו ליבע,
דרעמעלט ענטשלאפן אין שטול,
זי חלומט פון אייניקלעך, קינדער,
דאס הויז מיט געלעכטער איז פול.

זי קאכט און זי באקט מאכלים,
דער טיש איז מיט זילבער באדעקט,
די שבת׳דיק ליכטלעך זיי פונקלען,
די שטוב פון געווירצן פארשמעקט.

חלומ׳ט זי ווייטער און שמייכעלט,
זי גלויבט זי איז ווידער צובליט,
זעט זי איר מאן א פאריונגטן,
די אויגן ווי קוילן צוגליט.

שטרעקט זי צו אים אירע ארימס,
זי פילט ווי ער נעמט זי ארום,
פארציטערט איר הארץ פון נחמה,
און ווערט באלד פארשוויגן און שטום.

א. נ. שטענצל

## זיך ארויסגעפלאנטערט

### III

צוגעקומען צו דער גרענאדיר־שטראסע, האט עס גערוישט פון זיידענע אטלאסענע קאפאטעס און קליידער, געלויכטן פון ווייסע זאקן און פון ימים־נוראים ווייבערישע הויבן. מ׳איז געגאנגען פון די שטיבלעך און פון די ווייבער־שולן מיט היימישקייט און יום־טובדיקן געגיי. ס׳איז שוין געווען נאך כל־נדרי. און נישט נאר דער צעפראלטער עולם, נאר די גאס איז געווען באפרייט און דערלייזט.

די ליכטיקע לבנה איבער די דעכער גייט זיך אויך מיט אזא מחותנתדיקן און מתינותדיקן גאנג — אפגעקלאפט, אויסגעוויינט, שטראלט זי איצט א ליכטיקע אן מינדעסטן פגם.

איך, אין מיין וואכעדיקן הילוך, לויפנדיק אין איין העץ פון וויטנבערג־פלאץ ביז צום אלעקסאנדער־פלאץ, אריינקומענדיק אין דער גרענאדיר־שטראסע, נעם איך מיך שטיל שארן ביי די ווענט ווי א שייגעץ מיט די הענט טיף־גראבנדיק אין די טאשן ווי כ׳וואלט דארט געהאט עפעס גנבישס, פארבאטנס — מ׳זאל מיך נישט דערקענען.

צווישן עולם זע איך היימישע מענטשן פון דער אויגוסט־שטראסע, פון ראמאנישן קאפעע. טייל קומען כלומרשט זעען דעם עקזאטישע, טייל — אז יא שוין גיין דאווענען, איז נישט אין יאהודישער סינאגאגע, וואס איז קאלט און קלויסטערלעך־פרעמד — אז יא שוין איינמאל אין יאר גיין דאווענען, איז אין א היימיש שטיבל צווישן שטעטלדיקע חסידים. עס דערמאנט אין דער היים, אין טאטע־מאמע — מען דערמאנט זיך אין זיך!

אין געדרענג זיך ארויסשטופנדיק פונם אפענעם טויער נומער 36 —



דאס בארימטסטע חסידים־שטיבל אין דער גרענאדיר־שטראסע — מיט אויפגעשטעלטע קעלנער, מיט „יעלה״־שרעק נאך אין די אויגן, זע איך יעקב לעשטשינסקין מיט נחום שטיפטן. זיי איילן זיך ווי צוויי דערשראקענע יינגלעך, וואס ווילן ערגעץ אנטלויפן.

איך דריי מיך טאקע עפעס ארום ווי א פארבלאדזשעטער פאראבעק אין א יידיש שטעטל, אן א היטל, די הענט פארגראבן אין די הויזן־טאשן, אז א ייד גיט א קוק אויף מיר דערשרעקט ער זיך: ווער ווייסט וואס ער האט דארט שטעקן? ער קאן נאך ארויסכאפן א מעסער . . .

כ׳דריי מיך ארום ווי א גלגול אויפן עולם־הדמיון: איך האב דאך שוין כל־נדרי געהערט! אויבן אין אטעליע . . . מיט די אפענע פענטסטער צום הימל . . . „דאנדרנא״! גיט עס א דריי אין מיר, און איך שפיר ווי איך ווער נשתנה צורה . . . פאר מיינע אויגן זע איך פרוילין בארטשס מענטשלעך־טרויעריקן בליק, א פארגאסענעם מיט טרערן . . .

מאסטבוים, אנגעטון יום־טובדיק, אין א פילצענעם קאפעליוש, נישט קיין גאליציאנער, אבער דערמאנט אין אזא, דערזעט מיך און דערפריידט זיך מיט מיר און פירט מיך שנעל ארויס אויף דער מינץ־שטראסע, אבער נישט אין דער זייט, וואס פירט צו דער לינדען־און אויגוסט־שטראסע, וואוהין דער יום־טובדיקער שטראם כוואליעט, נאר קערעוועט אויס צום וואכעדיקן אלעקסאנדער פלאץ און נעמענדיק מיך אונטערן ארעם פירט ער מיך אהין אין פינסטערן געסל אין דער זייט צום שלעזישן באנהאף. איך בין שוין גרייט ער זאל אנהייבן איינעם פון זיינע פילאזאפישע שמועסן און איבערגיין אין הויך־דייטש און ריידן איבער געדיכטן — דער פילצענער קאפעליוש מיטן דיכטערישן קנייטש און די שטיל־קוקנדיקע לבנה אין דעם פינסטערן געסל איז ממש צוגעפאסט צו אזא שמועס, אבער ער קוקט מיך אן מיט זיינע אויסגעטריפטע אויגן, צי פונם מארק היינט, אינם קאלטן הערבסט־ווינט, צי טאקע פונם כל־נדרי: „איך זע דאך, אז דו ביסט גאלע, האב איך עפעס און דו קאנסט שוין אנהייבן״. זיין וואכעדיק קול האט מיך א טארע געטון . . . כ׳קוק אים שייגעצדיק אן: „יום־כפור אויף דער נאכט, תיכף נאך כל־נדרי?״

איך וויל ווייטער ציען. אין מיין „תיכף״ פילט ער שוין די איראניע און לאזט מיך נישט ווייטער: „איך האב מיר געעפנט דא אונטער דער בריק אין די בוידן א היטן־געשעפט. דו קענטס דאך די געגנט ארום דער יאנאוויץ־בריקע, צוהעלטערס און גאסן־פרויען. זיי קאנען טאקע זיין גוטע קונים, אבער זיי קאנען זיך אויך אליין ביינאכט ארויסנעמען א הוט פונם שויפענסטער . . . איז גוט, אז ס׳שלאפט ווער דארטן. קאנסט שוין דארט בלייבן היינט ביינאכט, און א ברייטל מיט א פערטל מארגארינע איז דאך די פעסטסטע וואלוטע . . .״

כ׳שפיר ווי זיין האנט אונטערן ארעם וואלט מיך ווי געקיצלט, כ׳האב הנאה, ווייל ער מיינט, אז ער ווייסט ווי מיך צו כאפן . . .

„הער, מאסטבוים, איצט נאך נישט. מארגן וועלן מיר אלץ באשטימען.

איצט געב מיר דיין קאפאלאטש, כ׳וויל מיך ארומשלעפן איבערנאכט איבער די שטעבלעך״.

מיר זענען צוגעקומען צו די בוידן אונטער דער בריק, פון איינער אזא האט ארויסגעבלישטשעט א שיין פון אן אפן קעמערל אין געשעפט אריין. ס׳האט זיך ארויסגעזעען א קאפ פון א בעט — מאסטבוים האט הנאה געהאט פונם איינפאל.

מיין שטימונג איז אויך גאנץ אנדערש געווארן. צי פון דעם „איינפאל״ צי פון דער זיכערער „וואלוטע״. כ׳האב אנגעטון דעם פליושענעם הוט מיטן קינסטלער־קנייטש אויף א זייט און אנגעהויבן שמועסן מיט מאסטבוימען האך־דויטש איבער געדיכטע . . . געטעס „ערל־קעניג״, שילערס „גלאקע״. . .

* * * *

ס׳איז געווען א וואכט־נאכט: אלע לעמפ ברענען, הונדערטער אנגעצונדענע יום־כפור ליכט. יעדעס האלב־ליידיקע שטיבל איז אנדערש צעפאכעט מיט אן אנדער מין ווארעמקייט. דא ווערט נאך געזאגט פון א מנין עלטערע יידן „שיר היחוד״ פערז נאך פערז און כ׳הער אינם מטעים זיין ווי די זאגערס פארשטייען און זענען שטאלץ און די הערצער וואקסן זיי מיט יעדן פערז — מ׳מוז נאר טרעפן אין פינטל אריין, טראכט איך: „קול העם כקול ש די״. . . פראסטערע יידן דערזאגן תהלים פסוקים־ווייז מיט פרומער מתיקות — זענען דאס נישט די שענסטע פערזן, וואס מ׳קאן שרייבן? כ׳לאז מיך אראפ אין א ווינקל און וויל צוהערן, זע איך ווי א ייד אין טלית און קיטל נאך אנגעטון לערנט זוהר מיט גרויס התלהבות און ביי יעדן „תא חזי״ הייבט ער די אויגן אויף און איך זע ממש ווי ער זעט עפעס. יא, און איך האב אויך „עפעס״ דערזען.

אין „נומער 36״ איז היי אויסגעשאטן אויף דער פאדלאגע. און א בינטל יידן אין די זאקן אויף א באנק, אט־אט לאזן זיי זיך אראפ אין היי אריין און שלאפן איין, הערן זיך זיי צו צו איינעם ווי ער דערציילט: דער הייליקער בארדיטשעווער איז געקומען קיין לעמבערג אויף יום־כפור און פון גאנץ לעמבערג איז געווארן איין גרויס חסידים־שטיבל . . . אנגעצונדן אין זיין התלהבות . . .

א מידער בלייב איך זיצן אויף א באנק, כ׳בין אין דער היים, אין לעמבערג, אין בארדיטשעוו, אין טשענסטאכאוו, אין ראדאמסקער שטיבל. כ׳הער דעם טאטנס לערנען זוהר . . .

ביים שולחן זיצט א ייד מיט א יינגל און לערנט מיט אים משניות און דערקלערט אים האר־גענוי וואס דער כהן־גדול האט צו טון פון דעם מארגנדיקן טאג . . . דאס יינגל זאגט נאך ווארט ביי ווארט און קאן קוים אויפרייסן די אויגן —

איך בין דאס יינגל, נאך אין טשעלאדזש אין חסידים־שטיבל אויבן ביי אונז אין דער אפיצינע: „און נאך א ווייב מוז מען אים אנגרייטן, טאמער וועט זיין ווייט שטארבן . . .״ איך זיץ מיט די פיס אין א מעשענעם בעקן און ס׳קלינגט: סאנט־גאל־לען, סאנט־גאל־לען — גאנץ לעמבערג ברענט!. . .

כ׳כאפ מיך אויף, טאגט עס שוין. דאס בית־מדרשל איז ליידיק. די גרעלע



ליכטיקייט פון די לעמפ מיט די הונדערטער ליכט, די טישן אנגעלייגטע מיט קיטלען און טליתים. דער שארפער ריח, וואס גייט פונם היי, ווי א צעמישטער לויף איך ארויס און ס׳יאגט מיך נאך א געוויין פון א תהלים־זאגער, וואס שטייט ביים ארון־קודש.

מוצאי יום־כפור האב איך מיך ארייגעכאפט צו יאנטלען אין שענק אריין און איך גלויב מיינע אויגן נישט — אויבן אן ביים טיש מיט א פעטער כפרה־פולקע אין דער האנט, פארטיפט אין דער אכילה נאכן שווערן תענית, דאס קאפל פארוקט הויך אויפן שוויצנדיק שטערן, זיצט משה זלאטא.

דער ערשטער געדאנק איז, זיך שנעל א דריי־אויס צו געבן. זאל ער מיך נישט זעען אין מיין הולך — דעם פילצענעם האלב־גאליציאנער האלב־קינסטלער קאפעליוש האב איך שוין מאסטבוימען אפגעגעבן — אבער די נאטירלעכקייט, די נאנסקייט, די נייגעריקייט האט גובר געווען.

משה זלאטא, דאס איז געווען אן עילוישער קאפ אין דער היים, אין היימישן בית־מדרש, ווו מ׳האט אים געכאפט, אלס בחור, נישט מיט קיין טריפה־פסול, נאר מיט א בתולה און טאקע פון א פיינער משפחה, וואו ער האט געגעסן א טאג. האט מען נישט געמאכט קיין גרויס גערודער. מ׳האט דעם אנגעפארענעם ארעם־בחור פון א פראווינץ־שטעטל מלביש־ערומים געווען און געפירט דאס פארל אונטער דער חופה.

אינמיטן די קעסט, שוין געהאט אנגעפליאדעט א שטוב מיט קינדער, האט אויסגעבראכן די מלחמה. דער רייכער שווער — א יורד, איז צו וואס נעמט מען זיך? האט ער אנגעהויבן פון זיינע שענק מיט ספרים — אנגעזאמלט אין די גוטע יארן! — צו ברענגען אין בית־מדרש אריין, אין שטיבל אריין — אבער נישט אזוי גלאט א ספר, נאר אן אנטיק, א „זעלטנהייט״ — א „ישועות יעקב״, א „שאלות ותשובות מרומא״, ר׳ יעקב עמדינס סידור פון ערשטן דרוק — און אפגעזעצט פאר גוט געלט.

אזוי איז ער געווארן א סוחר פון אנטיק־ספרים און ארייקומענדיק אין רייכע חסידישע הייזער און מיט זיין שארף אויג אלץ געזעען, איז ער בינו־לבינו געווארן א שטיקל לאנד־שדכן . . .

אז א בחור אין בית־מדרש, אין שטיבל, איז לאנגווייליק געווארן ביי דער גמרא, האט ער זיך אריינגעכאפט צו משה זלאטא, געזוכט אין די ספרים־שענק, געשמועסט אין לערנען, אריינגעווארפן א מילתא־דבדיחתא. משה זלאטא, מיטן שארפן מח, האט שוין דערשמעקט מיט זיין חוש ווי דער פעפער וואקסט און אוועקגעשיקט א בריוו אין דער וועלט אריין: „לכבוד הנגיד והחסיד מהור״ר״. . . און אויף די מיידלעך אין די רייכע הייזער איז ער דאך שוין בחורוויז געווען א מבין . . .

אזוי איז משה זלאטא געווארן בארימט איבער א שטיק פוילן ווי א גרויסער ספרים־אנטיק סוחר און אויסצוגעפונען א בחור אן אנטיק פאר א מיידל, א יקר־המציאות . . . ער האט שוין געוואוסט וואו מ׳זוכט „תורה מיט געפוצטע שטיול״, און א מיידל אן אנטיק צוצופוצן . . . ער האט געקענט

די קונץ א ספר עלטער צו מאכן מיט א הונדערט יאר און ביי אן עלטערער בתולה אראפצונעמען א צען יאר . . .

משה זלאטא, מיך דערזעענדיק, איז ער פשוט פון דער הויט ארויסגעשפרונגען. די ארומגעגריזשעטע פולקע האט א קלונג געטון אויפן טעלער און פון זיינע גלאנציק־פעטע לעפצן דער „וראות פניך לא פללתי" האט די גאנצע שענק זיך אומגעקוקט.

משה זלאטא איז טאקע דא אהערגעקומען, אזש קיין בערלין, אין א שליחות פון א טאטן א גביר, וואס א טאכטער א „שטודענטקע, א „קינצלערקע" האט געמוזט נעלם ווערן פון דער היים — „יהיה מה שיהיה ער מוז אהיימברענגען א קאפיע פון א תנאים". . .

דער עולם אין רעסטאראן האט שוין געהאט אפגעגעסן. געגאנגען אויף א שפאציר נאך דעם שווערן תענית און א גאנצן טאג זיצן אין די שילן; ארויס אויף די הייף אריינקלאפן א פלאקן פאר דער סוכה — זענען מיר געזעסן געמיטלעך ביי צוויי קופלעס ביר:

„ווען דו וואלטסט געוואוסט ווי דיין טאטע וואלט דיך גערוואלט זען. זיין הארץ גייט דאך ממש אויס נאך דיר. כ׳ווייס נישט צי ער האט דיין ברודער זצ"ל, אזוי ליב געהאט. ס׳איז ממש נפשו קשורה בנפשך".

איך קוק אים אן פון דער זייט: מסתמא ארבעט שוין זיין שארפער קאפ, ער פלאנט שוין . . .

„אזוי איז עס שוין, ר׳ משה, יצחק האט אויך עשו ליבער געהאט".

„חס וחלילה, ס׳יידישקייט לייכט דאך ארויס פון דיר. עינים של אדם זענען זיינע עדות".

ער קוקט מיך שארף אן, מסתם האט עס צו טון מיט א פרישן איינפאל, מיט א שפאגל נייעם פלאן . . . נאך אן עלויש־שארפערן:

„מיינסט טאקע, אז בארד און פיאות זענען שוין אלץ? . . מיר דארטן ווייסן אלץ . . . מ׳קאן אונז נישט נארן . . . און דו טוסט גוט אזוי ווי דו טוסט . . . זיך לאזן אנוואקסן א יום־כפור־בארד און אהיימקומען ׳פראוועז׳ כבוד־אב? דער לובלינער רב האט איבער זיין בנאק געמוזט עוקר זיין, די חרפה האט אים אויפגעגעסן".

איך וויל אים איבעררייסן.

„דערמאן מיר אפילו נישט זיין נאמען". זעענדיק ווי ער בייסט בייז די פעטע אויבערליפ און קוים וואס ער קאן אריינכאפן די וואנסע צווישן די ציין, זע איך, אז דא איז אים ארויסגעפאלן א פעטער ביסן . . . ס׳איז נישט אזוי דאס פארדינסטל . . . ווי דער וואזשנער פלאן — דער אנטיק פון א פלאן! וואס איז צעשטערט געווארן . . . אזוינס און אזעלכעס! איבער האלב פוילן וואלט מען דעריבער געשמועסט.

„ר׳ משה, מיינט נישט, אז ס׳איז אזוי לייכט; אז מ׳פארפלאנטערט זיך דא, איז עס מיט א קנופ און מיט א שלייף . . . גלויבט מיר, ווי מ׳טוט איז מען נישט יוצא". . ,



ער האט זיך געגעבן א שטעל אויף — עפעס איז מיט דעם פויגל שוין אויך עפעס דער מער:

„ס׳איז דאך היינט מוצאי יום־כפור, לאמיר בעסער נישט ריידן" און ארויסבעכאפט איניקע דאלאר — אמתע גרינע, אמעריקאנער דאלארן! — און מיר געגעבן: „זארג דיך נישט, איך וועל מיך שוין מיט דיין טאטן אין דער היים צערעכענען" —

דאס מאל האב איך אים שארף אנגעקוקט, ער זאל געגוי וויסן, אז די דאלארן זענען נישט אן אדרויף אויף „עפעס". . .

*  *  *  *

די כוואליע אין יענע צוואנציקער יארן, דאס אנטלויפן פון דער יידישער יוגנט פון שוין בארואיקטן און זאטן פוילן, די מאסן־עמיגראציע, דאס לויפן איבער אלע גרענעצן און דאס אנפילן פון יידישער יוגנט, בחורים און מיידלעך, אלע אוניווערזיטעטן אין איראפע און בעיקר אין דייטשלאנד — ווייל איר וואלוטע איז נאך געווען אזא ווי זי איז געווען — האט שוין געטראגן אן אנדער כאראקטער ווי דאס לויפן מיט קוים איניקע יארן פריער.

נישט בחורים זענען געלאפן פון האלערס קאזארמעס, וואו דער יידישער סאלדאט איז ממש פארפייניקט געווארן, נאר אנשים ונשים זענען שוין געלאפן, כדי נישט געכאפט צו ווערן אין תפיסות אריין און פארפייניקט צו ווערן פאר קאמוניסטישע חטאים. ס׳זיגערישע פוילן האט אויפגעהויבן איר דישנדיקן קאפ.

רייכע טאטעס האבן לכתחילה שוין אוועקגעשיקט זייערע טעכטער „שטודירן" אין אויסלאנד, נישט געכאפט צו ווערן אין לינקיזם, און מער נאך כדי צו „כאפן" א בחור . . .

די נייע עמיגראציע איז געווען אן אנדערע און די יידישע „קאלאניע" האט זיך אנגעהויבן צו געשטאלטן אויך גאנץ אנדערש . . . אויף א גאנץ אנדערן אופן . . .

דרך אגב: פון יענע יארן מסתם נעמט זיך די ביטערע שנאה, א ממש פיזישע, פון שניאורן צו אשן, וואס אש האט תמיד ארויסגעשטעלט אפאר גרויסע אויגן און געגלאצט תמעוואטע: פון וואו נעמט זי זיך?

זיצנדיק ביי אונזערס א טישל, שטעלט אש אפ דעם נערוועז־אדורכלויפנדיקן שניאור, דאס בכבודע לאפעטע־בערדל אביסל שמאלער, יוגנדלעכער, צוגעשפיצט:

„וואס לויפסטו אזוי?"

אויף שניאורס ענטפער, אז א דאמע ווארט אויף אים דרויסן, שרייט אש אים נאך,

„מ׳קען שוין דיינע —"

שניאור, גוט הערנדיק דאס נאכקומענדיקע ווארט און נישט אויסדרייענדיק זיך אים ארויסצורופן אויף א דועל, האט פארביסן זיינע ליפן אין אזא שנאה.

אינדרויסן איז טאקע געשטאנען און אויף אים געווארט זיין צוקונפטיקע פרוי, א נגידישע טאכטער פון ווארשע.

אבער ווער האט דאס געקענט וויסן, אז דער גרויסער דיכטער, זלמן שניאור, האט עס געהאלטן פארהאנגען אונטער זיבן שלייערס . . .
אנדערע צייטן האבן זיך אנגעהויבן.

— שלוס אין קומענדיקן נומער —

## א חשוון-טאג

1

פון צווישן געצווייג ווו,
ווי געוויין וואלט זיך הערן;
אין לויטערן ארום —
אין א שאל פון קריסטאל,
פאלן טרעלן ווי טרערן.

דארט אויבן מסתמא,
פויגל-מאמע געבליבן,
כוחות איר אויסגעפעלט,
ווען מחנות פייגל,
אין וועג ארײַן זיך געקליבן.

פארברויכט, שוואך, אן כוחות,
ווער ברויך נאך אזא לעבן ?
אז אין די הימלען הויך,
נישט אויפהויבן מער מ׳קאן,
פליגלען צעשפרייט און שוועבן.

כ׳בלייב שטיין און הער מיך צו,
געשוויטש שטילער נעמט ווערן.
בלויז פון ווו די ווערטער,
און אלץ העכער, העכער,
און ווילן נישט אויפהערן ?

2

ס׳בלעטערט דער שקיעה-בוים,
אן אלט פארגעלטער ספר;
כ׳לייען ארויס פון אים :
„וואס איז ער דען דער מענטש,
ס׳ביסל עפר ואפר ?

פון שטויב ר׳איז געקומען,
און צו שטויב ווידערקערן.
כ׳קוק פארטראכט אויפן בוים
און האלט אין איין שעפשען :
ווי שיין דער טויט קאן ווערן״.

פריילעך אונטער מיין טראט,
קניסטערן די וועלק בלעטער :
דאס טאקע שוין דער טויט ?
„ליבלעכער ווי ס׳לעבן — —
מיט שטראלן-פינגער גלעט ער.״

פארגאנגען איז די זון,
באהאנגען בוים מיט שטערן;
פון געצווייג א שעפטשען,
סודות פארחלומטע,
אין אזא נאכט מ׳קאן הערן.

3

נישט דער טויט — דאס לעבן,
דער סוף פון אלע סופן !
צוריק זיין א טראפ ים,
שטויבל ערד — איז אלץ וואס
הארץ טרוימען קאן און האפן.

מיטן נאכט אויפגעוואכט !
נישטא הימל מיט שטערן —
פייערדיקן „בעזעם״,
האלט גערטנער אין דער האנט,
און האלט רק אין איין קערן.



פון אונטער וואלקנס שטויב,
קוקט ער סמוטנע אפויער,
אויג שטויב-צעפרעסן;
א בת-קול שעפטשעט הויל,
א סוד-שארך אויפן אויער :

ס׳וועלקט דער עץ-החיים,
די פרוכט ווערעמדיק ווערן;
ווי זיי פאלן פארפוילט,
וויאנענדיק, וערעמדיק,
די מעטעארן שטערן.

4

איז עס בוים פאר פענסטער,
אינם צער פון זיין וויאנען ?
אדער ים צעברויזטער,
וואס וויל רק און קען נישט,
דעם ברעג אריבערשפאנען ?

אזא משוגע-הונד,
וויל בילן נישט אויפהערן,
ער רייסט זיך אויף א קייט,
סארפעט, גריזשעט, ווארגט זיך,
ביז דערווארגן ר׳וועט ווערן.

דער שוים אויף די ליפן,
דאס ווארגן זיך מיט טרערן —
ס׳ווארפן זיך פון כוואלעס !
דאס כארלען זייערס,
איך הער נישט אויף צו הערן :

א וואונדער אז די ערד,
פול מיט שרעקן געהיימע ?
יעדער שטארבנדיקער,
נעמט מיט זיך מיט זיין סוד,
און פארן טויט די אימה — — —

5

ווען דו וואכסט אויף און זעסט.
פון לבנה טויטן-שארבן,
ווי זון פריש געצוואגן,
קייקלט זיך גרויס און רויט,
פון א ים-שלל פון פארבן —

קוקסטו א פארגאפטער,
טראכסט נישט מערער פון שטארבן
פון דיין אלט-צעקנייטשטן,
שטערן גלייכן זיך אויס,
אלע פאלדן און קארבן,

קאן ווער, פארצווייפלטער,
אזא שפיל דען פארדארבן ?
ווי צעבראכן מען איז,
טויט-מרה-שחורהדיק,
פון לעבן שווערן הארבן —

דער שווארצסטער לעבנס-שטריך
טאן ווערט צווישן די פארבן !
צום ארויסווארפן שוין,
צוריק אויסגעשייערט,
אן אויסגעברענטער שארבן.

6

גאנצן טאג כ׳זיץ ביים ים,
וואס ער רעדט מיך איינהערן,
אפשר כאפן א קלאנג,
א האלבווארט — — צו ריידן,
ער טוט דאך נישט אויפהערן.

אט בייזערט ער זיך, שרייט
מיט שוים אויף זיינע ליפן,
און שטיל ינק ווי א קינד,
ווען עס צעשמייכלט זיך,
אינמיטן זיין צעכליפן.

. . . זע ווי אויף זיין פנים,
עס בייטן זיך די פארבן,
אט א קינד ליגט אין וויג,
און אט ר׳נעמט זיך ווארפן,
א מינוט פארן שטארבן.

לעצט ווארט מסתם ער זאגט,
מיט אויגן פול מיט טרערן;
אפשר כאפן א ווארט,
א קלאנגלאזן כארכל,
סוד פון לעבן דערהערן.

7

און ווען אלע סודות,
אז דו וועסט זיי שוין וויסן ?
קוקט מיך אן א מעווע:
ס׳איז גאר נישט מיט גאר נישט,
קייגן איין פעטן ביסן.

די זון מיט דער לבנה,
און די מיליאנען שטערן,
דו קאנסט קוקן אויף זיי,
א וואך מיט א מיטוואך,
און זאט וועסט דו נישט ווערן.

מינדסט פישל פונם ים,
פריש צאפלדיק געפאנגען,
און א זינג־פויגל כ׳ווער,
כ׳ברויז מיט טיפסטן געפיל,
כ׳פארפלייץ וועלט מיט געזאנגען

איבער קאפ שטיקנדיק,
ווי געלעכטער כ׳קאן הערן —
קראקעדיק, קרעקעדיק,
מעווע זיך קוויקנדיק,
דערשטיקט ווי זי וואלט ווערן.

8

ווי גרויס די זון גייט אונטער,
און ס׳רויט אין די קאלירן,
ס׳דערמאנט אין די העלדן,
אויף אלע שלאכט־פעלדער,
לעבן זייערס פארלירן.

ס׳לאזט די נאכט זיך אראפ,
א שווארצע טשאטע ראבן,
אויגן אויסצופיקן,
איידער עס געלינגט נאך,
הרוגים צו באגראבן.

איין געוואלדיק געפלייץ,
הימלען און ימים ווערן !
מיט בלוטיקן געברויז,
אימהדיקסטן סוד שוין,
הילכן אויס די געווערן :

אז ווייטער אזוי ס׳גייט,
ס׳וועט די גאנצע ערד ווערן,
איין געוואלטיקער קבר;
גרעסער פון אקעאן,
ים פון מענטשלעכע טרערן.

9

ראסע־נאס די בלעטער,
אונטער מיין טראט טויט־שווייגן
א סך פארשוויגענער,
ס׳פארוועלקט פארוויאנעטע,
וואס הענגט נאך אויף די צווייגן.

די רוישיקע כוואלעס,
אלץ שטילער, שטילער ווערן;
אויף מיינע באקן כ׳שפיר,
נישט א פייכטן נעפל —
גערינען ס׳וואלטן טרערן.



אזא סקאלעטן בוים,
כ׳בלייב שטיין צווישן די ביימער;
אליין כ׳בין געווארן,
אין שטאק פינסטערער נאכט,
א סוד א טויט געהיימער.

ס׳וועט ווען ווער פארבייגיין,
זיין שארך אונטער טריט הערן;
א רגע שטיין בלייבן,
עפעס זיך דערמאנען,
סודותדיק זיך פארקלערן.

## דעם בעל־שמס קרייטעכצער און דער קאריצער

(צו די שלושים פון פראפעסאר דר. יוסף ווייס)

ווען ער איז נתגלה געווארן דער בעל־שם,
און אין מעזשעבעזש אויף תמיד זיך באזעצט;
נישט מער בעל־עגליש מיט פערד און וועגעלע,
אויף אלע יאר־מערק האצקעדיק זיך געהעצט —

פאר א קראנק־קינד א וואלף־ציינדל צו פארקויפן,
צו א מקשה לילד א קרייטעכצל גראז,
מיטן בייטש־שטעקעלע דיבוקים געטריבן,
זיין בליק בלויז געשטארקט א יורד א באלבאס —

ווען ער איז נתגלה געווארן דער בעל־שם,
געקרוינט אים צום געהייליקטן בעל־שם־טוב,
גאנץ מעזשעבעזש פול שוין מיט פערד און וועגעלעך,
מ׳פארט אלץ און מ׳פארט און ס׳נעמט גאר נישט קיין סוף.

גאנצע טעג פארמאכט אין זיין חדר המיוחד,
א צעטראגענער ער לויפט אהין אהער —
דורך פארהאנגען פענסטער זעט ער די וועגעלעך,
פארן אן און ווערן אלץ מערער און מער.

און וואס אויף די דאזיקע ס׳טוט זיך, די יסורים,
טאטע פאטער, ווער ווייסט עס בעסער ווי ער ?
די געוויינען, דאס שליאכצן פון די חולאים —
פון די מאמעס — ס׳גרייכט שוין ביז אים דא אהער.

וואס טוט מען, וויאזוי גיט מען זיך אן עצה ?
אין די בערג א יעגער געזאגט : ציין פון וועלף,
א באבע וויזט אן, א קרייטעכצל, א גרעזל —
געזוכט, געזאמלט, געזאגט : גאטעניו, העלף.

צווישן די בערג, אין די ליים היילן באהאלטן,
געצוואגן אין רעגנס, געטובלט אין טוי,
די שטערן מיר געענטפערט, די זון מיך געטרייסט,
אין ווינט יעדער בוים מיטגעקרעכצט מיט מיין אוי.

וואס טוט מען איצט דא, וואסער עצה גיט מען זיך ?
א צעטראגענער העצט ער פון וואנט צו וואנט :
אויף פיץ פיצלעך דעם קאפ כאטשע צעשמעטערן,
אויסשטרעקן ס׳זאל ווער א העלפנדיקע האנט —

בער, דער מעזריטשער, און מאטל, דער טשערנאבלער,
אין די ספרים פארמוחטע, פארטיפט, פארטראכט,
און מיר צומאל פערד און בייטשל צוגענומען,
איז וועמען פרעגן וואס מען טוט, וואס מען מאכט ?

האט ער זיך אין איין נאכט, אין חשכות פון זיין הארץ,
צו פוס קיין קארעץ, צו פנחסלען געלאזט;
פון דער חבריא איז ער דאך דער איינציקער,
מיט וועמען ער קאן ריידן פשוט און פראסט.

ווי איינער פון די חיות־הקודש אויבן,
אפגעריסן פון כסא־הכבוד־קייט,
ר׳איז אין קאריצערס שטיבל אריינגעפאלן,
פלאמען זיך געריסן פון זיין מויל — קיין רייד :

„פנחסל, וואס טוט מען, ווי העלפט מען זיך, העלפט מיר,
גאנץ מעזשעבעזש פול איז מיט יידישער נויט;
ווו נעמען אזויפיל וואלף ציינדלעך, קרייטעכצער,
די נויט איז אזוי גרויס, ס׳ציטערט אויף מיר די הויט״.

האט זיך דעם קאריצערס שטרענג פנים צעשמייכלט :
„ישראל, העלפט דען א קרייטעכצל, א וואלף צאן ?
ס׳איז דאך דאס הארץ, וואס מען גיט א יידן אוועק !
אז ס׳גייט אין לעבן א מענטשן גוטס צו טאן —״

„פארלענגערט מען א נוטה למות די יארן,
ס׳גייט אויף אין אים א ליכטיק געזונטע פרייד;
ס׳קליינע פינגערל מ׳קען יענעם אוועקגעבן,
ווערט מען אליין גרויס, דאס הארץ אין־סופיק ברייט.

„ישראל, ווייסט דעם טייטש „תפילה עושה מחצה״?
תפילה עושה — תפילה מאכט, מחצה — אז ס׳העלפט.
וואלף־צאן, קרייטעכצל־גראז, צומאל א קמיע — — —
מען מוז זיין אחד — איינער דעם צווייטנס העלפט.

„ווער איז דען ג אט ברוך הוא, רחום וחנון,
די תפילה גופא, דאס גוטע ווארט איז ג אט — — —״
דעם קאריצערס פנים צוריק שטרענג געווארן :
צופיל גערעדט — — ארויס געכאפט זיך עס האט !



דער ליכטיקער שמייכל פון די ליפן אראפ,
ווי ביי א וואלף קאלט געבליצט האבן די ציין;
פאר שרעק איז דער בעל־שם־טוב קוים ארויס פון שטוב,
ווי א געיאגטער פון וועם גענומען גיין —

יענער קפיצת־הדרך פון קארעץ צוריק,
הימלען זיך געעפנט פון בעל־שמס געוויין;
אלע חולאים שוין געהאלפן געווען,
נאך איידער אין מעזשעבעזש, אין שטאט־אריין.

*  *  *

און ער פנחסל, דער קאריצער, זייט דעמאלט,
ואיננו, מ׳זעט אים נישט, ערגעץ אוועק;
אז ווער ברויך אים נאך מער, האט ער נישט ישראלן,
שוין מגלה געווען זיין לעצטן ענטפלעק ?

שמואל פידערער

## דער לאנדאנער יידישער מענער־כאר אין בערלין

אין קהילה־בנין איז פארגעקומען א קאנצערט פון נגינה, אויסגעפירט פון „יידישן מענער־כאר אין לאנדאן״, וואס האט מיט זיין קינסטלערישן אופן פון זינגען זיך אוועקגעשטעלט אין דער שפיץ פון די ערשטקלאסיקע כאר־אנסאמבלען פון דער גארער וועלט. ביים אנהויב פון פראגראם האבן זיי געזונגען דאס ליד פון וואלף יונין (מוזיק פון וולאדימיר חפץ) „דער ייד דער שמיד״. שוין ביי די ערשטע קלאנגען איז מען געווארן איבעראשט פון דער מוזיקאלישער פרעציזיע פון טאן, פון דער קלארער דיקציע פון יידישן טעקסט און דער דיסציפלינירטער אויסגעהאלטנקייט פון ריטם וואס די זינגער האבן אזוי בולט ארויסגעבראכט. מיט דעם גלייכן קינסטלערישן התלהבות האבן זיי געזונגען גאלדפאדנ׳ס וויגליד „ראזשינקעס מיט מאנדלען״, „ג אט פון אברהם״ און, ביים סוף פון פראגראם, „וואס וועט זיין אז משיח וועט קומען?״. ביי אלע לידער האבן זיי אנטוויקלט א קינסטלערישע פערפעקציע און דערהויבן דאס יידישע פאלקסליד צו א שלמותדיקן תיקון. אויך ביי די ישראלדיקע לידער, וואס זיינען געווארן געזונגען מיט צארטע אקצענטן איז בולט געווען די הויכע קוואליפיקאציע פון די לאנדאנער כאריסטן. גאר באזונדערס ביי די חזנישע קאמפאזיציעס, סיי פון אלטן רעפערטואר (זיידל ראוונער) סיי פון די מאדערנע (לעוואנדאפסקי). ווייזט אויס אז דער רוב פון די לאנדאנער זיינען אויך משוררים פון סינאגאגעס. די תפילות „שמע־

* דער זשורנאליסט שמואל פידערער א באקאנטער יידישער פאלקס־זינגער, איז געווען צוגאסט אין בערלין און לאנדאן. ביי די שבת נאכמיטאגס האט דער חשובער גאסט דערציילט פון יידישן קבוץ אין בערלין און געזונגען לידער, פון רייזין און מאנגער מיט וועלכע ער האט שטארק אויסגענומען.

קולינו״ פון דייוויס, „הבדלה״ פון זיבערטס, „ושמרו״ פון דאניעווסקי האבן געקלונגען מן־השמימדיק און ארויסגערופן התלהבות געפילן אפילו ביי א וואכנדיקן עולם. דאס אייגענע מיט די וועלטלעכע, אינטערנאציאנאלע קאמ־פאזיעס. אויך ביי דידאזיקע האבן די לאנדאנער באוויזן אז זיי קאנען זיך ספראווען מיט דעם ענין פונקט ווי די גאר גרויסע כארן און אפשר נאך בעסער. דאס איז געווארן קאנטיק גאר באזונדער ווען דער לאנדאנער מענער־כאר האט אנגעהויבן זינגען רוסישע פאלקסלידער.

טייל פון אונז פארגעדענקען נאך אז, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האבן די ביעלא־גווארדעיסקי „דאנסקי־קאזאקן״, מיט׳ן דיריזשאר סערגעי יאראף, געשאפן א רוסישן כאר, ארומגעפארן מיט קאנצערטן אין אייראפע, אמעריקע און געהאט גרויסן דערפאלג מיט זייער אופן זינגען „העי־אוכניעם״, „וועטשערני דזוואן״ א.א.וו. האבן זיך די סאוויעטישע קולטורניקעס מתקן געוועז און, לשם קאנקורענץ, ארויסגעשיקט אין די קאפיטאליסטישע מדינות אייגענע כאר וואס האבן באנוצט דיזעלביקע געזאנגסטעכניק פון די ביעלא־גווארדייציס: אנגעהויבן זינגען שטיל, בלחש דערנאך בהדרגהדיק אריבער צו מיטלערער הויכקייט און לסוף פארענדיקט מיט א גוואלדאוונעם פוריאזא־פינאל. די זעלביקע טעכניק, אבער א סך פארעדלט, באנוצן אויך די לאנדאנער כאריסטן און עס קומט ביי זיי ארויס א סך בעסער, עלעגאנטער ווי ביי די רוסן פון ביידע צדדים. אין בערלין האבן אלע, אויך מבינים, מסכים געווען אז בנוגע רוסישע פאלקסלידער קאנען אלע גיין, אין חדר אריין, צום לאנ־דאנער מענער־כאר. ביים ליד „טשויוש פראוודו״ האט דער סאליסט אלאן גערשאן מיט זיין פראפונדא־באס געקלונגען כמעט ווי שאליאפין, אין די גוטע צייטן, (ווען ער איז ניט געווען בגליפון). דער מזמור — פאר עקסעלאנס, דער שיר־השירים פון קאנצערט איז געווען דער קאלקסליד „בעריאזענקא״, וואס איז צוויי מאל געווארן געזונגען, מיט אלע פינעסן: סטאקאטא, פאלצעטא, פארטיסימא וכדומה. סומא־סומארום: די כאריסטן פון אנדערע פעלקער קאנען פיל לערנען ביי אונזער לאנדאנער זינגער. די גרעסטע אנערקענונג פארדינט אויך זייער דיריגענט עמאנועל פישער, וואס אינוועסטירט פיל ארבייט און מוזיקאלישע מייסטערשאפט. די פיאנאשפילערין: דאפנע לעוויס איז געווען דער דינאמישער מאטאר פון גרויסן דערפאלג.

עמנואל הרומי

## ס׳איז גוט זיך צו באשיצן אין גאט

גאט, אפילו אז דו זאלסט מיך טייטן, צו דיר וועל איך האפן,
לויפן אויף הילף פון דיר — צו דיר,
וועל מיך פארבארגן אין די פליגל פון דיין גענאד
אין טאג פון צרות, און פון דיין צארן וועל איך
אנטרינען צום שאטן דיינעם אהין,
אין טאג פון חושך און פינסטערניש פון דיין גרימצארן



בין איך געטרייסט,
כ׳וועל לויכטן אין שיין פון דיין הילף
און אין ליכט פון דיין גלאנץ;
זע, מיין הארץ איז מיט די הערצער פון דיין פאלק —
דיין פאלק איז פול ווילקייט אינם טאג פון דיין קריג!

אויף יידיש פון א. אלמוג

## דער שאפער פון לידער




איך מאך פון ווערטער לידער,
פון ווערטער דין און צארט
עס טרעט אף דער הארמידער
פון שטאט אספאלטיש־הארט.
מיט צומערינג פון קלאנגען
געווירצט איז יעדעס ליד,
ווען ס׳גייען אויף געזאנגען,
ווער קען זיין אלט און מיד?

זיי זיינען ווי פעטאלן
פון אידעלען יאסמין,
זיי יומטובן און שטראלן
און סאמע העלסטן זין.

שמעון וווזעק

## ווינטער

דער הימל הענגט אראפ אין שקיעה־נעפלען איינגעוויקלט,
און דריקט דעם אטעם צו מיינע ווענט.
די לעצטע שטרייפלעך ליכט, פון וואלקנגרוי צעשטיקלט,
ווי פליטים וואגלען שטום — די אויגן אויסגעברענט.

דער פאנצער ווינטער קלעמט מיין שטוב, מיט פראסט באזעסן,
און די אומרו מורמלט: זע דיין ליד פארגעסן . . .

אין מיין אליינקן ווינקל פויזן טונקעלע פחדים,
ווי שפונען גראבן זיך אריין אין גרויער צעל.
דאס רעשטל פרייד שוין וואקלט אויף א דינעם פאדעם,
און אלע ספקות שלייכן זיך ארום מיין שוועל.

דער שניי ליגט טויט צום קאלטן טרעפל צוגעקלאמערט,
און מיין פארלאזענע טיר — מיט טרויער צוגעהאמערט.

העדי אריעל

## סירל גרינבי ע״ה

דער טראגישער טויט פון סירל גרינבי, וועלכער איז אזוי יונג געגאנגען פון דער וועלט, האט געלאזן די יידישע אקטיארן מיט א טיפן טרויער אין זייערע הערצער. עס איז שווער שלום צו מאכן מיטן געדאנק אז מער וועט מען שוין נישט זען דעם פריינדליכן שמייכל פון דעם יונגן דירעקטאר וועלכער האט ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן זיך נאך אלץ אינטערעסירט מיט די פראבלעמען פון דעם יידישן טעאטער.

זיינע עלטערן, גערטי און איזידאר גרינבי ע״ה, זיינען געווען די גרינדער פון יידיש טעאטער אין „גרעגד פאלעי״ און דערצויגן זייערע צוויי זין אין אנ׳עכט יידישער אטמאספערע. סירל האט זער יונג אנגעהויבן צו נעמען אנ׳אקטיוון אנטייל אין דער אדמיניסטראציע פון דעם טעאטער. נאך דעם טויט פון זיינע עלטערן האט ער אנגעהאלטן די טראדיציע און געזען אז דאס לעבעדיקע יידישע ווארט זאל נאך אלץ געהערט ווערן אזוי לאנג ווי לאנדאנער יידן וועלן עס פארלאנגען.

אין דער געגנווארט פון סירל גרינבי איז געווען אונמעגליך צו זיין א פעסימיסט און גלויבן אז יידיש טעאטער האלט ביים אונטערגיין. אפילו אין די לעצטע יארן, ווען דאקטוירים האבן געזאגט אז ער לעבט אויף געבארגטער צייט, האט ער זיין גאנצע ענערגיע אוועקגעגעבן צו ארגאניזירן די פארשטעלונגען פאר פארשיידענע געזעלשאפטן.

איצט איז ער מער נישטא . . . צוערשט האט זיך אריינגעגנבעט א צווייפל אין די געדאנקען: „וועט עס ווייטער אנגיין ?. . איז דאס טאקע דער סוף שוין פון יידיש טעאטער אין „גרעגד פאליי״?״. אנ׳ענטפער אויף די פראגן האט שנעל געגעבן זיין עלטערער ברודער באזיל גרינבי: „מיינע עלטערן האבן געשפינט דעם פאדים פון יידישן טעאטער און עס איז מיין חוב צו זען אז ער זאל חס־ושלום נישט איבערגעריסן ווערן . . .״.

דער פארהאנג איז געפאלן צום לעצטן מאל פאר סירל גרינבי, אבער עס וועלן אים אלעמאל דערמאנען מיט ליבשאפט זיינע פריינט, משפחה און די חברים שוישפילער.

מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־
מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער או־בעט

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־1 (העפט 7־456) דרייסיקסטע יאר דעצ. 69, יאנואר 1970, לאנדאן

אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| משה רבינו און יהושע בן נון ... לתקן עולם במלכות ש די | *** | 3 |
| דער גלויבן אין באשאפונג (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 10 |
| דאס אלטיידישע מעשה־בוך (א קיצור פון אן ארייפיר) | יעקב מייטליס | 13 |
| לאנדאנער יידישע זעענסווירדיקייטן | דר. בערנארד האמא | 15 |
| דער ייד פון קאמעא־ווינקל (סקיצע) | ש. טענענבוים | 17 |
| שיע טענענבוים — דער שרייבער מיט אן איידעלער נשמה | עלען ווינאגראד | 18 |
| על נהרות בבל | מאיר גערטנער | 20 |
| די תליות אין באגדאד (ליד) | בערנארד קאפס | 21 |
| דער פאעט שמעון וווזעק צו זיין 75׳סטן געבוירן יאר | א. נ. ש. | 21 |
| שמעון וווזעק צו די 75 | ישראל עמיאט | 22 |
| פארנאכט, דער נר תמיד, אויף פרעמדע גאסן (לידער) | שמעון וווזעק | 23 |
| זיך ארויסגעפלאנטערט, שניי (פראזע און פאעזיע) | א. נ. שטענצל | 26 |
| צום טויט פון עני לעף | מ. באגדאנסקי | 34 |
| א במקום התנצלות. | | |
| יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס. | | |


מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־
מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער או־בעט.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל
פרייז 2 שילינג
אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*